# פרשת חוקת ד' – י' תמוז תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת חוקת***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי, שהתקיים באולם של התלמוד תורה. המנהל **הרה"ג רבי ברוך מאשקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג דומ"ץ דקהלתנו במאנסי שליט"א**, נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**אין** סוף פון די פאריגע פרשה זאגט די תורה די פרשה פון מתנות כהונה, אז מען דארף געבן פאר די כהנים און די לויים תרומות און מעשרות. און דער פסוק זאגט, 'ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומותי', איך האב דיר געגעבן אז מען זאל אפהיטן די תרומה, 'לכל קדשי בני ישראל לך נתתים למשחה', אלע קדשי בני ישראל האב איך געגעבן פאר דיר פאר גרויסקייט, 'ולבניך', און פאר דיינע קינדער, 'לחק עולם' (במדבר יח-ח), א חק אויף שטענדיג.

**עס** שטייט אין **נועם מגדים** (פ' קרח), אז די גמרא (ביצה טז.) זאגט, כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה עד ראש השנה, פרנסה וואס א מענטש האט, איז אנגעשריבען פון ראש השנה אויף א גאנץ יאר. און רש"י זאגט, אז וועגן דעם דארף א מענטש אכט געבן נישט צו פזר'נען געלט, ווייל מען האט איינמאל אנגעשריבען פארן גאנצן יאר, און מען קען נישט צו דעם צולייגען אדער אראפנעמען, דארף מען זעהן אויסצורעכענען דאס געלט וואס מען האט, אז מען זאל עס נישט מפזר זיין. אבער עס איז דא צוויי זאכען, וואס איז נישט אריינגערעכנט אינעם בודזשעט. הוצאות שבת ויום טוב, געלט וואס א מענטש געבט אויס פאר שבת און יום טוב. און הוצאות בניו לתלמוד תורה, געלט וואס מען געבט אויס מחנך צו זיין די קינדער, דאס איז נישט אריינגערעכנט אינעם בודזשעט פון ראש השנה. אם מוסיף מוסיפין לו, טאמער א מענטש געבט אויס מער, געבט מען אים פון הימל צוריק מער. און טאמער ער איז פוחת, ער וויל נישט געבן אסאך, שיקט מען אים צו פון הימל נאר אויף וויפיל ער דארף.

**זאגט** דער **נועם מגדים**, דער אייבערשטער זאגט, 'ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומותי', איך געב ענק תרומה, איך געב ענק אוועק חלקים פון מיין פארמעגן. און 'משמרת' תרומותי, מען זאל אפהיטן דאס געלט וואס איך געב ענק, ווייל מזונותיו של אדם זענען קצובין. אבער אויף צוויי פלעצער דארף מען נישט קוקען אויף געלט, 'לכל קדשי בני ישראל', ווען עס איז נוגע פאר די הייליגע טעג וואס איז דא ביי יודען, שבתות און ימים טובים, דעמאלטס איז 'לך נתתים למשחה', דאס באקומסטו לגדולה, כדרך שהמלכים אוכלין, אזוי ווי א מלך וואס איז נישט אויסגערעכנט אין זיין פארמעגן. און דאס זעלבע איז 'ולבניך', פאר דיינע קינדער, לחק עולם, די תורה ווערט אנגערופן חק (ע"ד הכתוב (תהלים קה-י) ויעמידה ליעקב לחק), עולם, וואס דאס האלט די וועלט (ע"ד הכתוב (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי). 'ולבניך', און פאר דיינע קינדער, 'לחק עולם', צו לערנען תורה, דאס איז 'לך נתתים למשחה', דאס געב איך דיר לגדולה. דער אייבערשטער געבט פאר א מענטש וואס ער דארף האבען צו קענען ערציען קינדער לתורה, אזוי ווי פאר א מלך, אן קיין שום חשבון.

**עס** קען אפשר זיין, אז עס ליגט דערין נאך א רמז. די קינדער פון א מענטש, איז די חשוב'סטע וואס ער פארמאגט. עס איז נישט דא א חשוב'ערע זאך וואס א מענטש האט אינעם לעבן, ווי זיינע דורות שפעטער. אלעס וואס א מענטש פארמאגט, לאזט ער איבער אויף די וועלט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-י), קינדער און דורות וואס מען לאזט איבער, דאס איז א זאך וואס איז א נצחיות, פון דעם איז מען נהנה אלע יארן לנצח נצחים.

**ווען** א מענטש ווייסט די חשיבות פון ערליכע קינדער, קינדער תלמידי חכמים, וואס מען איז נהנה פון זיי שפעטער. מען רעדט נישט פון אשריך בעולם הזה, ווי באטעמ'ט עס איז א יודישע שטוב ווי עס איז דא קינדער תלמידי חכמים, קינדער וואס זענען בני תורה, און פירן זיך ערליך, דאס איז

א תענוג וואס א מענטש האט אויף די וועלט מעין עולם הבא. נאר ווען א מענטש זאל באמת וויסן, די תענוג וואס בלייבט לנצח נצחים פון ערליכע דורות, וואלט ער אלעס אוועקגעגעבן, און ער וואלט נישט געקוקט אויף גארנישט, כדי צו קענען האבען ערליכע קינדער, און תלמידי חכמים.

**אבער** צו דעם פארלאנגט זיך צו אפפערן. מען קען נישט האבען ביידע. עס קען נישט זיין, אז די שטוב זאל זיין אן עולם הזה'דיגע שטוב, און ער זאל קענען דארט ערציען קינדער וואס זאלן זיין הייליג פאר תורה. אז מען וויל אז די קינדער זאלן זיין ערליך, דארף די שטוב זיין א ריינע שטוב, און אן ערליכע שטוב, דעמאלטס קען מען האבען ערליכע דורות.

**יעדער** יוד האט געדארפט געבן פארן אייבערשטען תרומה פון זיין תבואה וואס ער האט. פון קינדער איז אויך דא תרומה. די ערשטע יארן פון א קינד, ביז מען האט חתונה, דאס איז תרומה וואס א יוד שיידט אפ, און ער געבט עס אוועק פארן רבונו של עולם. די יארן, איז א קינד נישט עוסק אין קיין שום עולם הזה, ער געבט עס אוועק נאר צו זיצן און צו לערנען תורה. דאס איז די תרומה וואס א מענטש איז מפריש פון זיינע קינדער פארן אייבערשטען.

**תרומה** האט אבער א הלכה (סוכה לה.) אז מען דארף עס האלטן בטהרה, און מען טאר עס נישט מטמא זיין. את משמרת תרומותי, מען דארף אפהיטן די תרומה, אז די תרומה זאל בלייבען בטהרה. און טאמער מען איז מטמא תרומה, איז דא א עקסטערע לאו אויף דעם. און אז מען עסט תרומה טמאה, איז דא א חיוב מיתה. עס איז זייער הארב די הלכה פון תרומה טמאה.

**זאגט** די תורה הק', 'ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומותי', איך געב דיר איבער די מצוה פון תרומה, די יונגע יארן פון די קינדער, וואס דאס איז תרומותי, אז דו זאלסט עס אפהיטן. נישט נאר געוועהנליכע תרומה דארף מען אפהיטן, נאר 'לכל קדשי בני ישראל', פאר די קדושה פון בני ישראל, איז אויך דא א משמרת תרומותי, דאס דארף מען אויך אפהיטן. 'לך נתתים למשחה', אז דו ווילסט האבען גדולה, אז דו ווילסט האבען גרויסקייט, דו ווילסט האבען א תענוג וואס א מלך האט, זאלסטו וויסען אז פון די קינדער וועסטו עס קענען האבען. לך נתתים, צו דיר האב איך עס געגעבן, למשחה, צו גרויסקייט. 'ולבניך לחק עולם', און דאס וועט בלייבען א חק עולם פון דיינע קינדער.

**און** דער פסוק זאגט ווייטער, 'זה יהיה לך', דאס זאל זיין פאר דיר, 'מקדש הקדשים', נישט געוועהנליך קודש, נאר דאס דארף זיין פאר דיר ווי קודש הקדשים, עס איז נישטא קיין הייליגער'ס פון דעם. און ווי אזוי קענען די קינדער זיין קודש הקדשים, 'מן האש', ווען א יוד פירט זיך מיט א ברען, מיט א התלהבות, ער האט א ווארימע שטוב, א לעבעדיגע שטוב, מען לייגט אריין אין די קינדער אהבת תורה, מען רעדט שטענדיג פון די שיינקייט פון א יודישע שטוב, פון די שיינקייט פון א מצוה, די שיינקייט פון א שבת קודש, און אזוי ווייטער, דאס טוט אריינברענגען ווארעמקייט אין יודישע קינדער, אז די קינדער זאלן קענען זיין, נישט נאר סתם קודש, נאר קודש קדשים. און דאס איז אונזער עבודה, אז מען זאל אריינלייגען ווארעמקייט אין די קינדער, און די שטוב זאל זיין א ווארימע שטוב.

**רש"י** זאגט, ואני 'הנה' נתתי לך, בשמחה. לשון שמחה היא זה, איך האב דיר געגעבן משמרת תרומותי, מיט א שמחה. א מענטש מיינט אמאל אז עס איז אן עול, מען האט ארויפגעלייגט א פרישן עול אויף מיר, אז איך דארף אכט געבן אויף די קינדער. איך קען נישט אלעס האבען ביי מיר אינדערהיים, איך קען נישט איבעראל גיין, די קינדער שטערן מיר, די קינדער וועלן הערן, און מען וועט וויסן וכדומה, עס איז אן עול אויף אים. אבער מיט דעם וועט מען נישט האבען קינדער וואס זענען קודש קדשים. 'ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומותי', ווען מען איז עס מקבל בשמחה, מיט א פרייליכקייט. איך טו נישט פאר מיין קינד, איך טו עס פאר מיר. איך וויל אז איך זאל קענען שטענדיג הנאה האבען פון דעם קינד, עס זאל בלייבען פאר מיר אויף די וועלט, אן עובד ה' וואס וועט נאכגיין די וועגן און די שלשלת הזהב וואס מיר זענען ממשיך פון אונזערע עלטערן.

**מען** קומט זיך היינט צוזאם, און מען זעהט ווי אזוי די קינדער הייבען אן צו לערנען חומש, זיי הייבען אן די התחלה פון די תרומה, זיי הייבען אן די התחלה פון זייער קדושה. יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים (ויק"ר ז-ג), ריינע קינדער און הייליגע קינדער, לערנען די פרשה פון קרבנות וואס איז טהור. מען דארף היינט האבען אסאך סייעתא דשמיא, אז די טהרה און די הייליגקייט זאל בלייבען ביי זיי אויף שפעטער אויך. הבא לטהר מסייעין אותו, אז א מענטש וויל, און ער טוט אפפערן פון זיך, כדי די שטוב זאל זיין א ריינע שטוב, זעהט ער נאכדעם שמחות און נחת ביי די קינדער. דער אייבערשטער זאל געבן אז די עלטערן זאלן קענען ווייטער אויך מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה עלה **רבינו שליט"א** לבקר בחדרי הלימודים בהתלמוד תורה, יחד עם המנהל שליט"א וחברי ההנהלה שיחי'. ובכיתות הגבוהות בחן את התלמידים על לימודם, והביע קורת רוחו על ריבוי הלימודים בכמות ובאיכות, פרי עמלם של צוות המחנכים שליט"א.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **בנימין זאב ווינטערניץ** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **בערל ראזענבערג** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ד סעיף ט').

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נחום עבער** הי"ו (תלמיד ישיבת סאמבאטהעלי), שהתקיים באולם באיאן.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אלי' שלמה קרעמער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

***<u>יום שני פרשת חוקת</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אלי' שלמה קרעמער** הי"ו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל גאלדענבערג** הי"ו (בן הר"ר יחזקאל שרגא גאלדענבערג הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת קטז:) אז א ספר תורה שבלה, א ספר תורה וואס מען קען שוין נישט נוצן, די אותיות זענען אפגעמעקט געווארן, אויב עס איז איבערגעבליבען אינעם ספר תורה פינף און אכציג אותיות, וואס מען קען ליינען, האט עס די חשיבות פון א ספר תורה. און טאמער עס איז דא שבת א פייער, מעג מען עס מציל זיין. וואס עפעס פינף און אכציג אותיות, ווייל די קלענסטע ספר וואס איז דא אין די תורה, איז פינף און אכציג אותיות. ויהי בנסוע (במדבר י-לה) איז א ספר בפני עצמו (שם קטז.), עס איז אן עקסטערע ספר פאר זיך אליין. במדבר איז איינגעטיילט אין דריי ספרים, ביז ויהי בנסוע איז איין ספר, די פרשה פון ויהי בנסוע אליין, איז נאך א ספר, און פון ויהי בנסוע איז דער דריטער ספר. חצבה עמודיה שבעה (משלי ט-א), די תורה איז נישט פון פינף ספרים, נאר עס איז פון זיבן ספרים. ווייל ספר במדבר ווערט צוטיילט אויף דריי ספרים, און מיט די פיר אנדערע, איז דא צוזאמען זיבען ספרים. זעהט מען דאך, אז די פרשה פון ויהי בנסוע איז א גאנצער ספר וואס איז פינף און אכציג אותיות, און אזוי אויך יעדער ספר וואס איז בלה, און עס איז געבליבען פינף און אכציג אותיות, האט עס די חשיבות פון א ספר תורה.

**אוודאי** איז דא העכערע ענינים, פארוואס ויהי בנסוע האט פינף און אכציג אותיות, און וואס עס איז דער ענין פון די פינף און אכציג אותיות, וואס איז דא אין דעם ספר, און פון דעם ווערט א הלכה, אז יעדער ספר האט א חשיבות ווען עס

האט פינף און אכציג אותיות. אבער עס קען זיין נאך א כוונה אין דעם.

**מען** ווייסט אז ברית מילה איז פון די חשוב'סטע מצוה פון אלע מצות אין די תורה. עס איז שקולה כנגד כל התורה כולה (נדרים לב.). אין הייליגע ספרים שטייט (עיין **של"ה** פרשת לך אות ו' בהג"ה), אז אין די תורה איז דא תרי"ג מצות, און מצות מילה איז נאר איין מצוה, אבער מען רופט עס 'ברית'. ברית איז תרי"ב, ווייל אין די איינע מצוה, איז כלול די איבריגע תרי"ב מצות התורה. מען קען נישט זוכה זיין צו א השגה אין תורה, ביז מען מל'ט זיך. קומט אויס, אז די גאנצע תורה איז תלוי אין די נקודה פון ברית.

**'מילה'** איז בגימטריא פינף און אכציג. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז מילה דאס איז א ספר פאר זיך. ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, האט ער די קדושה פון א ספר תורה. אז מען זעהט אז עס איז דא א גאנצער ספר, די פרשה פון ויהי בנסוע, וואס האט אין זיך נאר פינף און אכציג אותיות, וואס איז די מספר פון מילה. איז עס צו ווייזען, אז די חשיבות פון תורה איז פארבינדען נאר ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, און ער פירט זיך ערליך, און ער פירט זיך בקדושה, דעמאלטס האט א חשיבות די תורה וואס מען לערנט.

**און** דער באשעפער האט אויסגעקליבען די פרשה פון ויהי בנסוע, און דאס האט ער געמאכט פאר אן עקסטערע ספר פאר זיך, און דאס האט פינף און אכציג אותיות. די וועלט טייטשט, אז ויהי בנסוע איז א ספר בפני עצמו, ווייל א יעדער יוד פירט זיך אויף ערליך ביי זיך אין שטוב. ער האט זיך זיינע סדרים, ווי דער סדר איז. אבער ווען ער גייט ארויס פונעם שטוב, און ער פארט אוועק, הייבט מען אן נאכצולאזן. דאס דאוועגען איז שוין נישט אזוי ווי געוועגליך, דאס לערנען, די שמירת עינים, און עסן כשר, און איינשטיין. מען איז אסאך מאל מזניח פון זאכן וואס מען טוט אין שטוב, אז 'ויהי בנסוע', איז א ספר בפני עצמו, עס איז דא אן אנדערע ספר תורה, אין די צייט וואס מען איז אונטערוועגענס. עס איז נישט די זעלבע תורה, ווי ווען מען איז אינדערהיים. אזוי זאגט די וועלט.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט מרמז זיין, אז ווען עס קומט די צייט פון ויהי בנסוע, איז די נסיון דערפון פ"ה אותיות, די קדושת המיל"ה. אין שטוב פירט מען זיך ערליך, עס איז א הייליגע יודישע שטוב, אבער ווען מען גייט ארויס צווישן די אומות העולם, און די פריצות וואס איז דא איבער'ן זומער, האט די תורה מרמז געווען אין די פרשה פון ויהי בנסוע, אז עס האט פינף און אכציג אותיות, די מספר פון מיל"ה, אז ווען מען קומט צו ויהי בנסוע, דארף מען אכט געבן אויף קדושת הברית.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקצירת חיטים למצות מצוה לקראת ימי חג הפסח שנת תשע"ו לפ"ק. בשדה הקצירה נמצאו גם **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**, **הרה"ג רבי אהרן גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ דק"ק פאפא בוומסב"ג, **הרה"ג רבי יחזקאל טייטלבוים שליט"א** אב"ד קלאסנא.

**רבינו שליט"א** הפליא את הציבור של עשרות אברכים ובעלי בתים חסידים ואנשי מעשה שהגיעו לקצור החיטים בעצמם, ולהדר בעשיית המצוה בטירחא דגופא וממונא. והוסיף שענין זה מוסר השכל שלעולם אל יהי דבר של מנהג טוב קל בעיני האדם, כי ברוב הימים תמצאנו ואנשים ילמדו ממעשיו להדר בעשיית המצוות וכדו', כי הנה בשנות קדם בראשית השנים שהתיישבו יהודים החרדים פה בארה"ב, לא היה נמצא אף רב ומורה אחד שיצא בעצמו לקצירת החיטים, רק בתי האפיה יצאו לפקח על הקצירה וכדו'. אמנם אביו **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** מרוב חיבוב המצוה יצא מאז ומקדם בכל שנה ושנה לקצור במו ידיו חיטים למצות מצוה, וכל זאת בטלטולי הדרך וקישויים בל יסופר, ובמשך השנים התחיל לצאת לדרך גם **כ"ק הגה"צ מפאפא זצ"ל** ועוד כמה רבנים, וכהיום התחיל להתפשט יותר שמגיעים אנשים רבים להדר בקצירת החיטים בשדה הקצירה (וזאת פרי עבודתו של ידידינו הרה"ח רבי **יצחק יעקב כייעם** הי"ו (תלמיד ישיבת סאמבאטהעלי) מומחה גדול לעניני קצירת החיטים, שמשתדל הרבה בזה). והוסיף עוד שענין זה נשנה גם בלימוד פרקי אבות בבתי מדרשים, אשר בעיר וויליאמסבורג כמעט שלא היה נמצא בשנות קדם רבנים שהמשיכו אחר המלחמה במנהג לימוד פרקי אבות בבית מדרשם, מלבד רבינו **הגה"ק בעל עזר**

מיהודה זצ"ל אשר דרש ברבים בימי הקיץ בפרקי אבות, וגם אביו כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל החזיק במנהג זו במשך כל השנים, ולאחר פטירתו המשיכו בניו אחריו במנהגו, וככה התחיל הדבר להתפשט בשאר קהילות החרדים בעשרים שנים האחרונים, עד שכהיום כמעט שאין בנמצא בית המדרש שלא יתקיים בו שיעור בפרקי אבות ביום שבת קודש אחר הצהרים, וברוב הימים תמצאנו לטובה בריבוי דברי תורה ומוסר בקרב ישראל.

לפני הקצירה פנה **רבינו שליט"א** להבחורים והאברכים שנלוו לסייע בעבודת הקצירה לבית רבינו, וביאר לפניהם צדדי ההלכה בחיוב שמירת החיטים בעודם מחוברים לקרקע שלא יבואו לידי חימוץ, ובענין ביטול החיטים המצומחות והמבוקעות אצל הבתי האפיה שקוצרים כאשר החיטים נגמרים יותר, ועוד ענינים השייכים לעבודת הקצירה. – אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בקצירת החיטים במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן.

*

***יום שלישי פרשת חוקת***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יואל מאיר הארטמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש דישיבה דמאנסי (בנשיאות הר"י הרה"ג **רבי משה גרין** שליט"א). **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ואיחל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל דוד הימליך** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפּירִיעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת חוקת***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקעמפ לשהות שם במשך הקיץ, ביחד עם בחורי ישיבתנו הק'.

*

***יום חמישי פרשת חוקת***

אחר תפלת מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אלעזר יואל וויינבערגער** הי"ו (מאנסי, בן הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו).